א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

וכל מאמינים

243

פרשת כי תבא

תשע"ח

מאוצרות אמונים
פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

דריי תפילות אנשטאט איין מצוה

"וְלָקַחְתָּ מֵרֵאשִׁית כָּל פְּרִי הָאֲדָמָה" (כו ב)

"צפה משה ברוח הקודש וראה שבית המקדש עתיד ליחרב והבכורים עתידין ליפסק, עמד והתקין לישראל שיהיו מתפללין שלשה פעמים בכל יום" (תנחומא כי תבוא א).

דארף מען פארשטיין, וואס איז דער דמיון צווישן תפילה און ביכורים, און פארוואס דארף מען דאווענען דריי מאל יעדן טאג אנשטאט די ביכורים וואס מ'האט מקריב געווען איין מאל אין א יאר?

ענטפערט **רבי מרדכי חברוני** ראש ישיבת חברון:

די מצוה פון ביכורים איז אנדערשט פון די אנדערע מצוות וואס זענען האבן צוטוהן מיט די פרוכט, מ'דארף עס מקיים זיין אין בית המקדש, און נאך, מ'דארף דארט ליינען א עקסטערע פרשה - די פרשה פון "ביכורים", וואס דאס איז א בחינה פון זיך מדבק זיין אין הקדוש ברוך הוא. און כדי מ'זאל קענען מקיים די מצוה דארף דער מענטש זיך אפגעבן מיט זיין פעלד א גאנצע יאר, קומט אויס אז די מצוה ברענגט צו אז דער מענטש זאל זיין דבוק אין די שכינה אין לויף פון די גאנצע יאר.

וועגן דעם האט משה רבינו מתקן אז אקעגן דעם זאל מען יעדן טאג פון יאר דאווענען דריי תפילות, כדי אז אויך היינטיגע צייטן זאל דער מענטש זיך קענען מדבק זיין אין השם יתברך אין לויף פון א גאנצע יאר און אויך במשך דעם גאנצן טאג.

'משאת מרדכי'

'מזמור שיר' אויף די סיום פון די מצוה פון ביכורים

"וְלָקַחְתָּ מֵרֵאשִׁית כָּל פְּרִי הָאֲדָמָה אֲשֶׁר תָּבִיא מֵאַרְצְךָ" (כו ב)

אין מסכת סופרים (יח ג) שטייט דער טעם פון זאגן 'מזמור שיר חנוכת הבית' אין די חנוכה טעג, ווייל דאס איז געווען די שיר וואס די לויים האבן געזאגט אין די חנוכה טעג אין בית המקדש (מסכת סופרים יח ג).

רבי שלמה זלמן בהר"ן זאגט א שיינעם געדאנק, מיטן זאגן דעם קאפיטל אין די חנוכה טעג, איז דא א זכר אויף די מצוה פון ביכורים:

די צייט פון ברענגען ביכורים אין בית המקדש האט זיך געצויגן ביז די ענדע פון די חנוכה טעג (רמב"ם ביכורים ב ו), און ווייל בשעת'ן ברענגען די ביכורים האט מען געזינגען דעם קאפיטל (ביכורים ג ד), האט מען מתקן עס צוזאגן אין די חנוכה טעג - וואס ביז דעמאלטס קען מען ברענגען די ביכורים.

'הליכות שלמה' מועדים פרק יז הערה 11

תולין לו בזכות עצמו

"כִּי בָאתִי אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע ה' לַאֲבֹתֵינוּ לָתֶת לָנוּ; וְלָקַח הַכֹּהֵן הַטֶּנֶא מִיָּדֶךָ וְהִנִּיחוֹ לִפְנֵי מִזְבַּח ה' אֱלֹהֶיךָ" (כו ג-ד)

זאגט דער בערזשאנער רב **רבי שלום מרדכי הכהן שוואדראן**:

דער וואס ברענגט די ביכורים רופט אויס און זאגט: "אֲשֶׁר נִשְׁבַּע ה' לַאֲבֹתֵינוּ לָתֶת לָנוּ"; מיט דעם לשון ברענגט ער ארויס זיין אינערליכע געפיהל אז ער קען מקיים זיין די מצוה נאר דורך זכות אבות, אבער אין אמת'ן אין תורה ווערט דערמאנט אין די ווייטערדיגע פסוקים דעם זכות פון דער וואס ברענגט אליין, אזוי ווי עס שטייט: "וְהִנִּיחוֹ לִפְנֵי מִזְבַּח ה' אֱלֹקֶיךָ", און דאס שטימט מיט וואס די חכמים זאגן (ברכות י ב): "כל התולה בזכות אחרים, תולין לו בזכות עצמו".

'תכלת מרדכי'

רזי אמונים
רמזים פון אמן אין די פרשה

יעדן טאג זאלסטו ענטפערן אמן

"וְעָנִיתָ וְאָמַרְתָּ לִפְנֵי ה'" (כו ה)

די ווארט "וְעָנִיתָ" איז א רמז אויף ענטפערן אמן, [אזוי ווי עס שטייט (להלן פרק טז): "וְעָנוּ כָל הָעָם וְאָמְרוּ אָמֵן"], און די ווארט "וְאָמַרְתָּ" איז א רמז אויף זאגן די ברכה [אזוי ווי עס שטייט (במדבר ו כב): "כֹּה תְבָרְכוּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אָמוֹר לָהֶם"], פון דא איז א רמז אויף דער חוב וואס ליגט אויף אונז צו ענטפערן אמן אויף יעדע ברכה. אויך די נאמען פון אונזער פרשה איז מרמז אויף דעם: 'כי תבוא' - איז ראשי תיבות: 'כל יום תשמע ברכות ותענה אמן'.

'קובץ אמרי קודש'

'שמע צעקתנו' אין זכות פון 'יודע תעלומות'

"וְעָנִיתָ וְאָמַרְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹהֶיךָ אֲרַמִּי אֹבֵד אָבִי" (כו ה)

"'וְעָנִיתָ' - לשון הרמת קול" (רש"י, ע"פ סוטה לב ב)

דער חוב פון אויפהייבן די שטימע ביים זאגן די פרשה פון די 'ביכורים' איז לכאורה א סתירה צו די ווערטער פון די גמרא (ברכות כד ב): "המשמיע קולו בתפילתו הרי הוא מקטני אמונה"?

ענטפערט דער לובלינער רב **רבי נפתלי הכהן כ"ץ**:

אין מסכת ברכות (שם) ערקלערט רש"י דער טעם פארוואס טאר מען נישט דאווענען הויעך, ווייל מיט דעם ווייזט ער אז ער גלייבט נישט אז דער אויבישטער הערט ווען מ'דאוונט שטיל. לויט דעם מעג ער דא יא זאגן הויעך, ווייל מיטן זאגן "אֲרַמִּי אֹבֵד אָבִי", און אזוי ווי רש"י ערקלערט: "בשביל **שחשב** לעשות חשב לו המקום כאילו עשה", ווייזט ער אז ער גלייב אז השי"ת איז 'יודע מחשבות', וועגן דעם איז נישט קיין פעלער ווען ער זאגט די פרשה פון ביכורים מיט א הויכע שטימע.

מיט דעם יסוד טייטש **רבי יששכר** אב"ד פודקאמין וואס מיר זאגן ביי די תפילה פון 'אנא בכח': "שועתנו קבל ושמע צעקתנו, יודע תעלומות" - זאלסט זיך נישט פארהוילן פון 'צעקתנו', ווייל מיר גלייבן אין דעם אז דו ביזסט 'יודע תעלומות'.

'קדושה וברכה' [פון זיין אייניקל ר"נ כ"ץ בעל 'סמיכת חכמים'] ברכות כד ב; הגש"פ 'הלולא דפסחא' - ונצעק אל ה'

'לא שכחתי' פון צו זאגן ברכות התורה

"לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֹתֶיךָ וְלֹא שָׁכָחְתִּי" (כו יג)

"'ולא שכחתי' - מלברך על הפרשת מעשרות" (רש"י).

די מפרשים וואונדערן זיך: דער חיוב פון ברכת המצוות איז נאר מדרבנן (ברכות טו א), איז וויאזוי קען זיין אז דא דערמאנט די תורה בפירוש דעם חיוב?

עס איז באקאנט די הסבר פון די מפרשים אויף רש"י דא אויפן פלאץ (מזרחי; גור אריה) אז ריכטיג טאקע אז דער נוסח הברכה איז נאר מדרבנן, אבער דער עצם חיוב פון לויבן השי"ת אויף דעם וואס ער האט אונז געהייליגט מיט זיינע מצוות און האט אונז געגעבן די מעגליכקייט עס מקיים זיין איז יא מן התורה.

א נייע פשט אין די ווערטער פון רש"י האט געזאגט **רבי אריה צבי פרומער** דער קוזיגלובער רב:

מן התורה איז יא דא א חיוב צו זאגן א ברכה אויף די מצוות, אבער מ'קען יוצא זיין דער חיוב דורך זאגן די ברכות התורה [וואס מ'איז מחוייב מדאורייתא (הוספת הרמב"ן לספר המצוות מצווה ט)], ווייל די גאנצע תכלית פון לערנען איז כדי ער זאל קענען מקיים זיין, און דאס האט רש"י געמיינט ווען ער האט געזאגט: "'ולא שכחתי' - מלברך...", ד.מ. ברכות התורה וואו דארט לויבן מיר אויך אויף אלע מצוות, און אינצווישן זיי אויך אויף די מצוה פון "הפרשת מעשרות".

שו"ת 'ארץ צבי' סימן כז

דא איז דער פלאץ צו ברענגען וואס **רבי משה ליב שחור** פון די גאוני ירושלים האט ערקלערט:

אין מסכת פסחים (ז ב) זאגט די גמרא: "כל המצוות מברך עליהן **עובר** [בעפאר און נאנט] לעשייתן", און נישט אומזינסט כאפט אן די גמרא דעם לשון 'עובר', נאר ווייל אין דעם פסוק וואס ווי געזאגט רעדט פון די ברכת המצוות ווערט דערמאנט דער לשון: "לא **עברתי** ממצוותיך...".

'אבני שהם'

מלוך על כל העולם כולו בכבודך
אמן

טייערער איד

ענטפערן אמן איז א שטארקע אויסרוף אויף השי"ת'ס קעניגרייך אויף דער וועלט, אזוי ווי חז"ל זאגן (שבת קיט ב): "מאי אמן? א-ל מלך נאמן".

אין די פארברייטונג צו ראש השנה ווען מיר טוהן ממליך זיין דעם באשעפער אויף די גאנצע וועלט, לאמיר זיך מקבל זיין אים צו ממליך זיין יעדן אינדערפריה מיטן זאגן די ברכות השחר בחברותא.

ברכות השחר, אויפן קול! מיט כוונה! און מיט א חברותא!

תענה אמונים

א בליק לויטן
סדר פון דאווענען

קריאת שמע - די קאפיטל פון ציצית (ט')

פארוואס האט די תורה געדאפלט 'למען תזכרו'?

אסאך וואונדערן זיך: פארוואס האט די תורה נאכאמאל געזאגט "למען תזכרו ועשיתם את כל מצוותי", וואס עס ווערט שוין דערמאנט אין דעם פריערדיגן פסוק: "וראיתם אותו וזכרתם את כל מצוות ה'"?

ערקלערט רבי שרגא גראסבארד געבויעט אויף די ווערטער פונעם חפץ חיים: די תורה קומט אונז לערנען די געוואלדיגע חשיבות וויאזוי די תורה בעציהט זיך איבער די מעלה פון זיכרון. אזוי ווי מיר טרעפן אין משנה (אבות ב יא) אז ווען רבן יוחנן בן זכאי האט אויסגערכנט די מעלות פון זיינע תלמידים, האט ער משבח געווען רבי אליעזר בן הורקנוס אז ער איז: "בור סוד שאינו מאבד טיפה". און לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס איז דאס א לויב פאר א מענטש אז ער איז געבוירן געווארן מיט א טאלאנט?

נאר ערקלערט דער 'חפץ חיים', ריכטיג טאקע אז זיכרון איז א טאלאנט וואס א מענטש ווערט מיט דעם געבוירן, אבער דער מענטש האט די מעגליכקייט עס צו נוצן אויף וואס ער וויל. למשל, האט דער 'חפץ חיים' דערציילט, אז אין זיין שטעטל ראדין האט געוואוינט א עלטערער איד אין די אכציגער יארן וואס האט געקענט געדענקען אלע קליינע איינצעלהייטן פון די באזוך פונעם קייסער וואס איז געווען פאר זיבציג יאר, ווי עס וואלט יעצט געווען, ווייל ווען די באזוך איז פארגעקומען האבן אים אלע איינצעלהייטן אינטערעסירט און ערוועקט זיין נייגער, וועגן דעם האט ער צוגעלייגט קאפ צו געדענקען יעדע קלייניקייט.

אזוי איז אויך לגבי לימוד התורה; אויך ווער ס'איז נישט באשאנקען געווארן מיט א ספעציעלן זיכרון, אויב אין זיין הארץ וועט ער האבן א שטארקער רצון צו וויסן און געדענקען, וועט ער זיכער צולייגן קאפ און מח צו יעדע פרט פון זיין לערנען, און דעמאלטס וועט ער זיכער אלעס געדענקען. וועגן דעם האט רבן יוחנן בן זכאי משבח געווען זיין תלמיד רבי אליעזר מיט זיין מעלה פון זכרון, ווייל דורך צולייגן הארץ מיט א שטארקע ווילן האט ער אויסגענוצט זיין מעלה אויף תורה, און אזוי ווייט האט ער אים געלויבט אז ער האט געזאגט: "אם יהיו כל חכמי ישראל בכף מאזנים ורבי אליעזר בן הורקנוס בכף שניה - מכריע את כולם".

מיט דעם וועלן מיר פארשטיין פארוואס די תורה זאגט נאכאמאל אן די מצוה, דיר צו לערנען די געוואלדיגע מעלה און חשיבות פון זכרון, וואס איז ווי א וויכטיגע כלי צו קענען די תורה ('דעת שרגא' שלח).

סור מרע ועשה טוב

דער בעלזער רב, כ"ק האדמו"ר רבי אהרן האט ערקלערט, עס שטייט (תהלים לד טו): "סור מרע ועשה טוב", פון דא לערנען מיר אז כדי צו טוהן גוט'ס דארף מען זיך פריער דערווייטערן פון שלעכט'ס און נאר נאכדעם מקיים זיין די מצוות בשלימות ווי עס דארף צו זיין. אבער די מציאות האט אויפגעוויזן אז עס איז שווער אוועק נעמען די גאנצע שלעכט'ס פון זיך אן צו האבן הילף פון דעם וואס מ'איז מקיים די מצוות, וועגן דעם הייבט אן די תורה מיט: "וראיתם... וזכרתם את כל מצוות ה' ועשיתם אותם", און דעמאלטס וועלן ענק האבן דעם כח מקיים זיין די מצוה: "ולא תתורו" און זיך רייניגן פון די שלעכט'ס, און נאכדעם וועלן ענק שוין גרינגערהייט קענען מקיים זיין דעם 'עשה טוב' בשלימות - "למען תזכרו ועשיתם את כל מצוותי והייתם קדושים לאלקיכם" ('עלים לתרופה' שלח תשס"ז).

ווען הרה"ק רבי פיניעלע אוסטילער איז געווען אויף א שבת אין די שטעטל סאניק, האבן זיך צוזאמגענומען אסאך חסידים צו הערן זיינע הייליגע ווערטער וואס ער האט געזאגט ביים טיש, אינמיטן האט ער פארציילט:

איינמאל איז דער בעל ה'תניא' געקומען צו מיין זיידן הרה"ק רבי פנחס קאריצער, און אינמיטן שמועס האט רבי פנחס געזאגט: "זיבן יאר האב איך געארבעט צו וויסן וואס איז שקר, זיבן יאר האב איך געארבעט עס דערווייטערן, און נאך זיבן יאר - איינקויפן די מדת האמת". האט דער בעל ה'תניא' זיך אנגערופן: "די וועג איז גוט פאר 'מלאכים' און יחידי סגולה, אבער איך מיין אז מ'דארף פריער איינקויפן די מדת האמת, און נאכדעם דערווייטערן דעם שקר".

האט רבי פיניעלע צוגעלייגט: פון די פרשה פון ציצית קען מען ברענגען א ראיה צו די ווערטער פונעם בעל התניא ווייל אין אנהויב שטייט: "וראיתם... וזכרתם...", און נאכדעם "ולא תתורו". אבער אויך צו רבי פנחס קאריצער'ס שיטה האבן מיר דא א ראיה, ווייל נאך: "ולא תתורו", שטייט נאכאמאל: "למען תזכרו ועשיתם". און נישט אומזינסט שטייט אין תרגום יונתן אויפן פסוק: "והייתם קדושים לאלוקיכם" - "ותהוון קדישין כמלאכיא דמשמשין קדם ה' אלקכון", ווייל לויט ווי דער בעל התניא האט געזאגט - איז די וועג פאסיג נאר פאר מלאכים און יחידי סגולה ('סימן טוב' עמ' ג).

והייתם קדושים לאלוקיכם

וויסן און קענען די תורה הייליגט דעם מענטש ער זאל זיין ווי מלאך, אזוי ווי מיר האבן פריער אראפ געברענגט פון תרגום יונתן אויפן פסוק: "והייתם קדושים לאלוקיכם" - "ותהוון קדישין כמלאכיא דמשמשין קדם ה' אלקכון", און אזוי ווי דער 'אור החיים' הקדוש שרייבט: "און מיר טרעפן אז די צדיקים האבן משיג געווען די מעלה אז זיי ווערן אנגערופן מלאכים און קדושים, ווייל דורך די תורה ווערט דער מענטש העכער פון מלאכים אן א שיעור".

און עס איז באקאנט די ווערטער פונעם חזון איש אין זיינע בריוון (ח"א מכתב יג): "ריכטיג טאקע אז דער מענטש וואס איז זוכה צו קענען די תורה דרייט זיך צווישן מענטשן און זעהט אויס ווי א מענטש, אבער באמת איז ער א מלאך וואס וואוינט צווישן מענטשן און לעבט א אצילות'דיגע לעבן און איז העכער פון יעדע לויב".

מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

שווייגן האט באפרייט פון ארעסט-הויז

די שיינע אידישע קהילה וואס געפינט זיך אין די שטאט אנטווערפן וואס איז אין בעלגיע, איז נישט געוואוינט צו א טומל. א שטילע און רואיגע קהילה וואס אירע מיטגלידער לעבן דארטן א אידישע רואיגע לעבן, אויפן אלטן שטייגער, אין הארץ פון א קאלטע און א פרעמדע אייראפאישע לאנד. צווישן די מיליאנען גוים בלאזט דארט א ריינע און תמימות'יגע אידישע אטמאספער, ווי א פארזעצונג צו די אלטע און שיינע קהילה אין אנטווערפן וואס רוב פון אירע מיטגלידער זענען אומגעקומען אויף קידוש השם ביי די צווייטע וועלט'ס מלחמה.

כאטש עס רעדט זיך פון גאנץ א קליינע קהילה, דאך איז איר גוטע נאמען ברייט באקאנט, אסאך אין זכות פון די צדקה און חסד וואס קומט ארויס פון דארט. אין די אידישע אנטווערפן וואוינען נישט וויניג רייכע אידן וואס זייער נאמען איז באקאנט אויף דער גאנצע וועלט אלץ גרויסע בעלי צדקה וואס טוהן אויף געוואלדיגע זאכן דארט און אויך אין די פרעמד.

אין די פריערדיגע יארן האבן אסאך פון אידן דארטן געהאנדלט מיט דיאמאנטן וואס האט זייער שטארק מצליח געווען אין בעלגיע, אבער נאך אסאך יארן האבן אסאך פון זיי אנגעהויבן האנדלען מיט אנדערע לענדער, ספעציעל מיט אנדערע לענדער אין אייראפא.

איינער פון די איז אויך געווען ר' משה, א זון פון איינס פון די רייכע פאמיליעס אין אנטווערפן, וואס נאכן זיך גוט באקענען אין די ביזנעס מארק וואס גייט גוט אין מזרח אייראפא, האט ער באשלאסן דארט אינוועסטירן זיין געלט. אין לויף פון עטליכע יאר האט ער אימפארטירט סחורה פון מזרח אייראפא צו איר מערב זייט און פארקערט, און האט שטארק מצליח געווען אין זיין ביזנעס.

זיין הויפט ביזנעס איז געווען ביי די גרעניצן פון רוסלאנד. דער מענטש וואס האט גוט געוואוסט פון די הארטקייט פון די רוסישע באאמטער, האט זייער אכטונג געגעבן אז אלעס זאל זיין אויסגעהאלטן און לעגאל. אין לויף פון יארן איז אלעס געווען ווי עס דארף צו זיין, ביז איינמאל ווען ער איז אדורכגעפאלן... אין א געוועינליכע אונטערזוכונג פון די שטייערן באאמטע ווען זיי האבן איבערגעקוקט זיין סחורה, האט זיך אויפגעוויזן אז ער ברענגט אריין פראדוקטן וואס מ'טאר נישט פארקויפן אין רוסלאנד. און די רעגירונג, וועלנדיג ווייזן זייער שטארקקייט אויף אקעגן פרעמדע, האבן זיי אים באלד אריינגעשליידערט אין טורמע. ביי די געריכט וואס מ'האט אים באלד געמאכט, א קורצע צייט נאכדעם, האט ער באקומען א שווערע שטראף: דרייצן יאר אין ארעסט-הויז. נישט וויניגער.

זיין פאמיליע אין אנטווערפן האבן נישט געוואוסט וואו זיך אהין צו טראגן. צום ערשט האבן זיי גענומען די בעסטע אדוואקאטן פון רוסלאנד, און זיי האבן נישט געשפארט קיין געלט. איינער פון די פאמיליע האט אויך פראבירט שיקן א סומע געלט פון זיבן נומערן צו א געוויסע אדרעס ערגעץ וואו אין מאסקאווע וואס האט א גרויסע איינפלוס, אבער די געלט האט גארנישט אויפגעטוהן.

און אינצווישן, אין ארעסט-הויז, צווישן צענדליגער מסוכנ'דיגע באנדיטן, זיצט דארט א חסידישער יונגערמאן שוין עטליכע חדשים וואס האט נישט קיין אנונג וויאזוי ער איז אריינגעפאלן אין אזא פרעמד פלאץ, און גיסט אויס זיין הארץ צום באשעפער: "איך בעהט פון דיר, הוציאה ממסגר נפשי!".

אין איינע פון די זעלטענע טעלעפאן געשפרעכן וואס ער האט געקענט רעדן מיט זיין ברודער, האט אים ר' משה געזאגט, אין א מינוט פון שטורעמישע געפיהלן:

"מיין טייערער ברודער, עס זעהט מיר אויס אז אויף אדוואקאטן און אנדערע וועגן האבן ענק שוין אויסגעגעבן גענוג געלט, און עס איז זיכער אז איך טוה זיך באדאנקען אויף דעם. אבער ווייל די פאקט האט אויפגעוויזן אז א אורטייל קען מען נישט בדרך הטבע ענדערן, איז אפשר בעסער אז מיר זאלן יעצט אריינלייגן אלע אונזערע כוחות אין די רוחניות'דיגע טייל, דער אויבישטער איז דאך א כל יכול, און עס איז זיכער אז ער קען מיר העלפן, איך האב נישט קיין אנונג וויאזוי ענק וועלן עס טוהן, אבער איך בין זיכער אז די גדולי ישראל וועלן האבן א גוטע עצה פאר ענק...".

אין יענע תקופה האט באזוכט אין אנטווערפן איינער פון די חשובע רבנים פון ארץ ישראל, און דער ברודער האט באשלאסן אריבערגיין צו זיין אכסניא, וועלנדיג פרעגן פון אים א עצה.

דער רב האט צוגעהערט צו זיינע ווערטער מיט גרויס אינטערעסע, און האט אראפגעלייגט זיין קאפ צווישן זיינע הענט און האט אריינגעטראכט מיט א ערנסקייט, נאכדעם האט ער אזוי געזאגט:

"איינס פון די גרויסע עבירות וואס אסאך פאלן אדורך מיט דעם, איז רעדן אינמיטן דאווענען, און פארקערט, דער וואס גיט זיך אכטונג נישט נכשל ווערן אין דעם איז ער זייער באליבט ביי השי"ת, און אסאך ישועות זענען פארבינדן אין דעם. אויב ענק וועלן זיך אונטערנעמען אכטונג געבן נישט צו רעדן ביים דאווענען, וועלן ענק זיכער זעהן ישועות און ענקער ברודער וועט באפרייט ווערן פון זיין ארעסט".

פול מיט האפענונג האבן זיי זיך געוואנדן צו די מתפללים אין דעם חסידישן שוהל וואו דארט האבן זיי געדאוונט און געבעהטן מ'זאל זיך אונטערנעמען נישט רעדן ביים דאווענען לטובת זייער ברודער.

עס איז זיי זייער שווער אנגעקומען איבערצורעדן די מתפללים, עס רעדט זיך פון נישט א גרינגע קבלה, אבער אין ענדע האבן זיי מצליח געווען צו פאר'חתמ'ענען זיבצן מתפללים אויף א נוסח, וואו דארט איז אויך געשטאנען א רוף פאר די אנדערע מתפללים זיי זאלן זיך אויך אונטערנעמען און זיין שותפים אין די מצוה פון פדיון שבויים.

דער רב וואס איז נאך געווען אין אנטווערפן, האט מיט גרויס צופרידנהייט אויפגענומען די באריכט, און האט נאכאמאל געוואונטשן אז בקרוב ממש זאל ער באפרייט ווערן פון זיין ארעסט.

עס זענען אדורך עטליכע חדשים און די גוטע נייעס איז נאכנישט געהערט געווארן. דער ברודער וואס האט שוין נישט אויסגעהאלטן, האט זיך פארבינדן קיין ארץ ישראל, צו דעם הויז פון דעם רב, און מיט טרערן האט ער געבעהטן אז דער רב זאל ווייטער דאווענען אויף זיין ברודער וואס איז נאכנישט באפרייט געווארן.

דער רב האט נישט געקוקט אויף זיינע כוחות נאר איז באלד געפארן קיין אתרא קדישא מירון, דארט, אויפן ציון פונעם הייליגן רשב"י, האט ער געדאוונט צום אויבערשטן מיט טרערן אין די אויגן אז די אונטערנעמונג וואס די חברים האבן זיך אונטערגענומען זאל אויפטוהן, און זייער שנעל זאל ער באפרייט ווערן און עס זאל ארויסקומען פון דעם א קידוש השם אויף דער וועלט.

נאך צוויי וואכן זענען אדורך אומגעדולדיג זיצנדיג אויף שפילקעס. דאס איז געווען אינמיטן נאכט פון הושענא רבא, ווען דער גוטער טעלעפאן איז אנגעקומען פון רוסלאנד און האט דערציילט פאר די גאנצע פאמיליע אז אויף א איבערראשנדן וועג אקעגן אלע שאנסן איז דער ברודער באפרייט געווארן פון ארעסט.

גאנץ אנטווערפן האט גע'רעש'ט הערנדיג דעם וואונדערליכן נס. אין יעדע ווינקל האט מען געשמועסט איבער די וואונדערליכע ישועה וואס איז געקומען אין זכות פון זיך איינהאלטן פון רעדן ביים דאווענען, ווען די וואס האבן געוואוסט, אפילו נאר אביסל, פון דעם קאמפלעצירטן געריכט און די רוסישע געזעצן, האבן נישט געגלייבט הערנדיג די אומגעראכטענע נייעס.

אבער זייער שנעל האט מען זיך דערוואוסט אז די פרייד איז געווען אביסל פריה. עס זעהט אויס אז ער איז טאקע ריין געווארן פון די באשולדיגונג, אבער ער האט נישט געקענט ארויסגיין פון די גרעניצן פון רוסלאנד, ווייל זיין וויזע איז שוין אפגעלאפן. עס האבן זיך געדרייט שמועות אז די רעגירונג ווילן אים נאכאמאל ארעסטירן צוליב זיך אויפהאלטן דארטן אומלעגאל, און די שרעק איז צוריק אין די הערצער פון זיינע פריינד.

דער ברודער האט זיך נאכאמאל פארבינדן צו דעם רב אין ארץ ישראל און האט אים דערציילט איבער די אנטוויקלונגען; דער רב האט רעאגירט: "עס איז קלאר אז דער אויבישטער וויל אז אלע מתפללים זאלן זיך צושטעלן צו די קבלה, איך בין זיכער אז אויב אלע וועלן אונטערשרייבן, וועט ער אין עטליכע טעג צוריק אהיים קומען געזונט און פריש".

דאס מאל איז די ארבעט שוין געווען גרינגער, נאך וואס גאנץ אנטווערפן האט גערעדט פון דעם גרויסן נס, איז נישט שווער אנגעקומען פאר די פאמיליע איבער רעדן די מתפללים אין דעם שוהל איבער די וויכטיגקייט און די חשיבות פון דעם ענין. דער רב פון די קהילה האט אויך אריינגעלייגט אין דעם זיין גאנצע ענערגיע, און דער עולם האט זיך ווארעם אנגערופן מער ווי גערעכטן; כמעט אלע מתפללים האבן זיך אונטערגענומען די קבלה.

עס איז נישט אדורך נאר איין טאג פון ווען מ'האט געענדיגט די אונטערנעמונג, און די געוואונטשענע טעלעפאן פון רוסלאנד איז אנגעקומען וואס האט דערציילט די גוטע נייעס אז די רעגירונג האבן צוריק געצויגן און זיי האבן באשלאסן אים ערמעגליכן פארלאזן די גרעניצן פון רוסלאנד און זיך צוריק קערן צו זיין הויז אין אנטווערפן.

די ערציילונג פון די וואונדערליכע ישועה וואס איז פארשפרייט געווארן אין די שטאט אנטווערפן און אין די גאנצע וועלט, האט געברענגט א געוואלדיגער חיזוק אין די נושא פון די איסור פון רעדן ביים דאווענען, אלע האבן געזעהן מיט זייערע אויגן ווי ווייט עס איז חשוב די קבלה פאר השי"ת, און וויפל עס קען אויפטוהן און ברענגען ישועות למעלה מדרך הטבע.

'ובהיכלו אומר כבוד' עמ' 81

shay עיצובים